# קול חוצב להבות אש

## מפי כ"ק מרן אדמו"ר ד'קהל חסידי ירושלים שליט"א

## בכינוס הזעקה על שמירת צביון שכונותינו

מיר געפינען אין היינטיגע פרשה, פרשת נח, וועגן דור המבול, וואס עס איז געווען - ווי מיר זעהען שוין אין סוף פרשה - וואס עס האט זיך אפגעטוהן, און דער המשך הענינים. עס איז געווען א דור המבול, א שרעקליכער מצב, און מיר געפינען סוף די פרשה אויך וועגן א דור הפלגה, עס איז געווען א דור אנוש - שוין פריער, און באלד קומט פרשת וירא א מעשה מיט סדום ועמורה.

ווען מען רעדט פון די היינטיגע כלים, איז דאס נישט נאר א זאך וואס מען רעדט פון היינטיגע דור, עס איז אריינגעמישט דארטן **דור אנוש** מיט **דור המבול** מיט **דור הפלגה** מיט **סדום ועמורה** אדמה וצבויים, און נאך אלע צרות און מרעין בישין, פון אלע דורות, אלעס ליגט אין אט די ביטערע כלים, - רחמנא ליצלן - דער מוח קען עס גאר נישט דערהייבן אזא זאך, אלע צרות צוזאמען, זענען צוזאמענגענומען אין די כלים.

מיר האלטן איצט נאך ראש חודש, מען האט געזאגט, **'יעלה ויבוא'**, עס איז געווען א גאנצער תשרי מיט ימים טובים, מען האט געזאגט אסאך מאל 'יעלה ויבוא', מען דערמאנט **'וזכרון ירושלים עיר קדשך'**, ירושלים דארף זיין 'עיר קדשך', עס זאל זיין באמת ירושלים עיר קדשך, אבער דער חלק פון אונזערע שכונות החרדיות, עס איז דאך ממש אונזער 'תיבת נח', וואס איז - מיטן אויבערשטנ'ס הילף - אסאך מער באשיצט פון אלע גוים און מרעין בישין, אין די תיבת נח דארף דאך א וודאי זיין ירושלים עיר קדשך, עס זאל טאקע זיין בטהרתה וקדושתה.

אבער עס איז דא א פראבלעם, עס קומען אן בחורים פון חוץ לארץ, און טייל פון זיי האבן כלים, מען קומט אין ירושלים, אין אונזער תיבת נח, איז עס דאך ממש א שרעקליכער זאך, א שערוריה נוראה, ווי קען דאס זיין אז אין דער תיבת נח דארטן קומט עס?

נאר עס איז דא אזעלכע וואס רופן זיך 'רבנים' וואס ווילן דאס מחליש זיין, - אז עס רעדט זיך פון אזעלכע שוואכערע בחורים, מען קען נישט, מען מוז; עס איז געפילטערט, א.א.וו. זאל עס זיין וועלכע רבנים דאס איז, זאל עס זיין די גרעסטע רשכבה"ג'ן, דארף מען וויסן אז **'אין דבריהם שווים כלום'**, עס איז אפילו נישט קיין **'חספא בעלמא'** נישט, עס איז נישט משנה ווער דאס איז, ווער עס געבט אזעלכע פסקים איז - רחמנא ליצלן..., און בפרט אז ער וואוינט נישט דא, ער זיצט דארט ערגעצוואו און געבט אזעלכע פסקים אז אין אונזער תיבת נח זאל מען אריינלאזן אלערליי שרצים, אזעלכע כלים טמאים, זאל מען רחמנא ליצלן אריינלאזן, און אויב עס איז דא אזעלכע אין ירושלים וואס זיי האלטן אז מען דארף האלטן אזעלכע זאכן אין אונזער תיבת נח, איז טאקע אויף דעם דארף מען שרייען בקול גדול מאד, איר ווילט אונז צוברעכן, איר געבט אוועק 'ירושלים עיר קדשך' מיט איר 'תיבת נח', אינמיטן אזא גרויסן מבול ווילט איר חלילה צוברעכן די תיבה דא.

די עצה איז אז פון דעם צוזאמענקום דא וועט ארויסקומען דער קול גדול אז עס זאל זיין א **'קול גדול ולא יסף** ולא יפסק', אז עס זאל טרייסלען טאקע גאנץ ירושלים, אז מיר ווילן עס זאל זיין 'ירושלים עיר קדשך', א הייליגע שטאט, מיר זאלן האבן דעם 'תיבת נח', און עס זאל זיך נישט צוברעכן דער 'תיבת נח'.

בימים ההם זענען געקומען דעמאלטס אויכעט אזעלכע וואס האבן געוואלט צוברעכן דעם תיבת נח, און זיי האבן געזאגט - ווען נח וועט אריינגיין אין תיבה וועלן מיר קומען מיט 'כשילין וקרדומות' און מען וועט צוברעכן די תיבת נח, ווי מען האט געלערנט אין רש"י סוף פרשת האזינו - 'בעצם היום הזה', די דריי מאל וואס עס שטייט בעצם היום הזה, האט דער אויבערשטער געשיקט **דובים ואריות** און זיי האבן זיי גע'הרג'עט - די אלע וואס האבן געוואלט צוברעכן די תיבת נח, ממילא אז מיר האבן דא א תיבת נח זענען מיר מחויב צו שרייען בקול גדול, און אז מען שרייט און מען טוט וועט א וודאי דער אויבערשטער העלפן, אז **'לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי'**, און עס וועלן נישט האבן קיין שום שליטה אזעלכע זאכן, ווייל עס ברענגט אונז נאר נסיונות.

און די וואס האבן דירות צו פארדינגען פאר די בחורים, איז שוין דא תקנות פון בית דין, עס איז שוין געווען כמה יארן, און איצטער ווייטער איז דא נסיונות אין דעם, צו שטיין אין דעם, און זיי שיקן אונז אן נסיונות אין אונזער תיבת נח, אבער דאס איז די זאך וואס מיר דארפן טאן אויב מיר ווילן בלייבן מיט אונזער תיבת נח, עס זאל זיין גאנץ, עס זאל נישט אריינגיין א מבול חלילה אין דער תיבת נח, ווען עס וואלט געווען א שפאלט אין דעם תיבת נח, זאל דער אויבערשטער אפהיטן וואס עס וואלט געווארן דא, איז כדי עס זאל קענען זיין דארף מען טאקע שטיין מיט א געוואלדיגן כח, און **'איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק'** צו שטיין מיט א געוואלדיגן כח, צו קענען טאקע עומד זיין, מען זאל נישט פארדינגען קיין דירות אוואו עס וואוינען אזעלכע פורצי גדר, מען זאל וויסן אז עס דארף זיין די תיבת נח שטארק, און נישט נאר אז עס וועט העלפן פאר אונז, עס וועט העלפן פאר די וואס זיי קומען דא, און אפילו זיי זענען שוואך, אויב זיי וועלן וויסן מיט א קלארקייט אז דא קען מען נישט טון וואס מען וויל, אויב מען וויל אריינקומען אין אונזער תיבת נח, וועט דאס העלפן פאר זיי אליין אז זיי וועלן ווערן טאקע אסאך בעסער.

און דער גאנצער ענין אז מען מוז האבן די כלים, מען מוז, מען קען נישט, דער גאנצער זאך איז א גרויסער שקר, מען געפינט זיך אין א **עולם השקר**, דער וועלט ווערט אנגערופן עולם השקר, עס איז דא א געוואלדיגער גרויסער שקר, און אסאך זאכן איז דא שקרים, אבער דער גאנצער ענין - אז 'מען מוז עס האבן', א.א.וו. וואס אין אונזער מחנה אליין דארף עס נאך אויכעט ווערן אסאך מער קלארער די זאך, דאס וואס אלע זאגן מען מוז עס האבן 'לצורך פרנסה', מען מוז אהער, מען מוז אהין, עס איז אלץ איין גרויסער שקר די גאנצע זאך, און עס איז דא טויזנטער עדות פון דא און פון די גאנצע וועלט, אידן וואס זיי מאכן גרויסע געשעפטן, גרויסע מיליאנערן, גרויסע מיליארדערן - אפילו, און זיי האבן נישט קיין שום שייכות צו דעם, מיט א פשוט'ן כשר'ן סעלפאן קען מען אויכעט האלטן די גרעסטע ביזנעס, עס איז אלץ א גרויסער שקר וכזב, מען האט נישט געזען די זאך אליין, איז דאך אלץ אזוי נישט קלאר, אבער דער אמת איז אז עס איז א גרויסער שקר.

איז דאך מכל שכן מען רעדט דא וועגן נשמות, וועגן אידישע נשמות, ארויסגעבן היתרים אז 'מען דארף', 'מען מוז', 'נישט דא קיין ברירה', איז דאך אוודאי אז עס איז א דבר חמור מאד און עס איז א גרויסער שקר, - **אפילו מיטן בעסטן 'פילטער'**! - און אז מען וועט שטיין אויף דעם גאר שארף, אז ווער עס וועט אריינקומען דא אין דער געגנט אין תיבת נח זאל טאקע זיין טאקע אפגעהיטן און ריין פון די גאנצע זאך, וועט עס פאר זיי אליין משפיע זיין גאר אנדערש, און - **'וילמדו תועים בינה'**, זיי זאלן קענען טאקע תשובה טאן, און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו **'והחזירנו בתשובה שלימה לפניך'**, און אין גיכן זאל מען זוכה זיין אז **'ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים'** בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.